בס"ד

פנחס תשפ"א

גליון 49

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיְין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פָּאר אַלֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי דְרֵיי וָואכְן וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל קְלָאגְט אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און אוֹיפְן גָלוּת.

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער, אַז דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און עֶס אִיז אַ הֲכָנָה צוּ דִי יָמִים נוֹרָאִים הַבָּאִים עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

עֶס אִיז גְעוֶוען אַמָאל גָאר אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט אוֹיף אַסַאךְ לֶענְדֶער מִיט גְרוֹיס רַייכְטוּם, עֶר אִיז גְעוֶוען בַּאוואוּסְט פָּאר גָאר אַ שְׁטַארְקֶער און פֶעסְטֶער מֶלֶךְ וָואס אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט נָאר הֶערְנְדִיג זַיין נָאמֶען. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נִישְׁט יֶעדֶער פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען אֲפִילוּ נִישְׁט נָאנְט צוּם שְׁטָאט וִוי דֶער פַּאלַאץ פוּנֶעם הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטַאנֶען.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אִין דֶער מֶלֶךְ אִיז פַּארְטְרִיבְּן גְעוָוארְן פוּן דֶעם שֵׁיינֶעם פַּאלַאץ אִין גָאר אַ וַוייטֶע לַאנְד, וִוי קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט דֶערְקֶענְט דָארְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוֹן קְלֵיידֶער וָואס אִיז גְעוֶוען צוּשְׁלִיסְן און צוּרִיסְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ אִיבֶּערְבַּייסְן זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דָאס לֶעבְּן.

אִינְמִיטְן אַ הֶעלְן טָאג בַּאגֶעגְנְט זִיךְ אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ - וֶועלְכֶער הָאט גֶעוואוֹינְט אַמָאל אִין קֶענִיג'ס לַאנְד - מִיטְ'ן גֶעוֶועזֶענֶעם קֶענִיג און רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאקַאנְט דַיין פָּנִים, בִּיסְטוּ נִישְׁט דֶער אַמָאלִיגֶער קֶענִיג?" דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אִין אַ גְרוֹיס גֶעוויין און צוּ אִים גֶעזָאגְט: "קוּק וִוי נִידְרִיג אִיךְ בִּין לֵיידֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן!" דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים גֶעטְרֵייסְט און גֶעזָאגְט: "זֵיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט, זֵיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, עֶס וֶועט נָאךְ אוֹיפְשַׁיינֶען דַיין מַזָל אוֹיף צוּרִיק, דוּ וֶועסְט צוּרִיקְגֵיין צוּ דַיין אַמָאלִיגֶע קֶענִיגְרַייךְ מִיט אַסַאךְ מֶער שֵׁיינְקַייט

און גְרוֹיסְקַייט וִוי פְרִיעֶר.

מִיט דִי מָשָׁל זֶענֶען דִי צַדִּיקִים מַסְבִּיר דֶער פָּסוּק "כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים (איכה א, ג), וֶוער עֶס אִיז אַ "רוֹדְפֶיהָ - רוֹדֵף - י-ה" דָאס מֵיינְט וֶוער עֶס וִויל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס רוּפְן זִיךְ "בֵּין-הַמְּצָרִים" דִי רִיכְטִיגֶע צַייט דֶערְפַאר. וַוייל יֶעצְט אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל פַּארְטְרִיבְּן פוּן זַיין כִּסֵּא מְלוּכָה און דְרֵייט זִיךְ אַרוּם זוּכְן אַ פְּלַאץ וִוי עֶר קֶען רוּעֶן, יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז דִי צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים, עֶס שְׁטֵייעֶן נִישְׁט קֵיין שׁוֹמְרִים בַּיים טוֹיעֶר פוּן זַיין פַּאלַאץ א.ד.ג.

בְּעִקָּר בְּשָׁעַת מֶען דַאוֶונְט און מְ'לֶערְנְט דַארְף מֶען דָאס טוּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, בִּפְרָט בַּיי דִי פְּסוּקִים פוּן דַאוֶוענֶען וָואס רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן רֵייד פוּן נֶחָמָה און תִּקְוָה, צוּם בַּיישְׁפִּיל: "וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים", יִמְלוֹךְ ה' אֱלֹקַיִךְ צִיּוֹן לְדוֹר וָדוֹר". און מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, צוּ רֶעדְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ און אִים זָאגְן: "דוּ בִּיסְט פוּן אַלֶעמָאל גְעוֶוען אוּנְזֶער קֶענִיג, אִיצְטֶער וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט דַיין מְלוּכָה בִּיסְטוּ אוֹיךְ קֶענִיג, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן וֶוען דַיין מְלוּכָה וֶועט נִתְגַּלֶה וֶוערְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי מְגִלַּת אֵיכָה (די קינות) עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן פָּסוּק "הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ", אַז צוּם סוֹף נָאךְ דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוַויינְט בַּיי דִי קִינוֹת, שְׁרַייט יִרְמְיָה הַנָּבִיא אַז דִי עִיקָּר כַּוָּונָה פוּן דִי קְלָאגֶערַייעֶן בַּיי דִי קִינוֹת אִיז צוּ אוֹיפְוֶועקְן דִי רַחֲמָנוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אוּנְז צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, דֶערְפַאר פִירְט מֶען אוֹיס סוֹף פוּן דִי קִינוֹת מִיטְ'ן פָּסוּק "הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם - בַּאשֶׁעפֶער! מִיר בֶּעטְן דִיר קֶער אוּנְז צוּרִיק צוּ דִיר, וֶועלְן מִיר זִיךְ

## המשך דערציילונג פון ר' שמחה גארנשטיין הי"ד

די צווייטע וועלט'ס קריג האט אויסגעפלאצט, ווען ר' שִׂמְחָה איז געווען פַארנומען מיט צוּשְׁטֶעלְן בַּאסֶעס פַאר אנ"ש פון לָאדְזְשׁ צו פָאהְרן צום גְרוֹיסְן קִבּוּץ אין לוּבְּלִין, אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר צַאמְשְׁטֶעלְן בַּאסֶעס כ"א אֲדָר צום יָארְצַייט פון הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פון לִיזֶענְסְק זי"ע ועכי"א. די אִידְן הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶערָאכְטְן צום גְרוֹיסְן חוּרְבָּן וָואס גֵייט קוּמֶען.

אין לָאדְזְשֶׁ'ער גֶעטָא הָאט די גְרוֹיסְקֵייט און שֵׁיינְקֵייט פון אַנְשֵׁי הַצַּדִּיק זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוויזְן מִיט איר אֱמֶת'דִיגְקֵייט, "גֶעוַואלְד! אִידְן, קַיין יֵאוּשׁ איז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין!" איז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף א גְרוֹיסֶע אוֹיסְגֶעצוֹיגֶענֶע טַאוְול אין די בְּרֶסְלֶבֶ'ער קְלוֹיז און הָאט גֶעשִׁיקְט טְרֵייסְט און הִתְחַזְּקוּת פַאר אַלֶע אִידְן אַרוּם.

די שְׁטוּב פון ר' שִׂמְחָה איז גֶעוֶוען אַ וַוארֶעמֶע ווִינְקְל פַאר די חֲסִידִים אין די פִינְסְטֶערֶע צַייט, זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען שַׁבָּת אַזוֹי אוֹיךְ אִינְמִיטְן וָואךְ, צו בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל פְרִישֶׁע דִיבּוּרִים פון צַדִּיק. ר' שִׂמְחָה אַלֵיין איז גֶעווען גֶעצְווּנְגֶען צו אַרְבֶּעטְן, גוּטֶע אִידְן הָאבְּן אִים גֶעהָאלְפְן צו בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל אַ גְרִינְגֶערֶע שְׁטֶעלֶע, אַזוֹי ווִי עֶר שְׁרַייבְּט אין אֵיינֶע פון די בְּרִיוְון:

(גֶעטַייטְשְׁט פון לשה"ק)

....ווִיבַּאלְד דֶעם איז גוּט אַז אִיךְ בִּין אַ שׁוֹמֵר אין גֶעשֶׁעפְט בַּיינַאכְט נִישְׁט בַּייטָאג, ווייל עַל פִּי רוֹב ווֶעסְטוּ זֶעהְן אַז אַלֶע חַסִידִישֶׁע יוּנְגֶעלַייט זֶענֶען ל.ס.וו. און אוֹיךְ פָּארְטֵייעֶר א.ד.ג. און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֵּלִים, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען הִיטְן שַׁבָּת ווִי ס'דַארְף צו זַיין, און אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע וַואךְ (משמרת), וָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיבְן, אִיךְ ווֶעל קוּקְן אוּנְטְן און זֶעהְן דֶעם חֶסֶד יֶעצְט אין דֶעם עִנְיָן פון די וַואךְ, עַל פִּי רוֹב זִיצְט מֶען מַמָּשׁ אִינְדְרוֹיסְן אָדֶער בַּיים טוֹיעֶר פון צִימֶער און אִיךְ הָאבּ אַ צִימֶער מִיט גִיטֶע בַּאדִינוּנְגֶען, אוֹיף דֶעם אַלֶעס דַאנְק אִיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

שִׂמְחָה

דֶער בְּרוּדֶער חַיִּים מֹשֶׁה הי"ד הָאט גֶעווָאוֹינְט אין אַ צְווַייטֶע זַייט פון גֶעטָא, ר' שִׂמְחָה פְלֶעגְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אִים דוּרְךְ שִׁיקְן בְּרִיוו, יֶעדֶע בְּרִיוו איז גֶעווען אָנְגֶעזַאפְּט מִיט אֱמוּנָה און תְּמִימוּת און דֶער עִיקָר די אַחֲרָיוּת וָואס עֶר הָאט אוֹיף קִינְדֶער, ווֶעגְן זַייעֶר חִנּוּךְ און אוֹיךְ פָּשׁוּטֶע גֶעבְּרוּכְן אַזוֹי ווִי עֶר שְׁרַייבְּט:

מֹשֶׁה, גֶעדֶענְק ווֶעגְן טְרֶעפֶּעס (הָאלְצֶענֶע שִׁיךְ) פַאר מִרְיָמְ'ל ווייל זֵי גֵייט בָּארְוֶועס? און דֶער עִיקָר לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין בע"ה און זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיין און מִתְפַּלֵּל זַיין אַז גָאט זָאל אַלֶעס עֶנְדִיגְן צום גוּטְן.

### דַיין בְּרוּדֶער שִׂמְחָה

פון די עֶרְשְׁטֶע גְזֵרוֹת וָואס די רְשָׁעִים הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, איז גֶעווען אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען צו דַאווֶענֶען אין אַ מִנְיָן, אִידְן פְלֶעגְן זִיךְ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אין די שְׁטִיבֶּער אָדֶער אִין טִיפֶע קֶעלֶערְ'ס צו דַאווֶענֶען צוּזַאמֶען, אָבֶּער די בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים אין לָאדְזְשׁ הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעבִּיטְן פון זַייעֶר שְׁטֵייגֶער, נָאר ווַייטֶער גֶעדַאווְנְט אין קְלוֹיז אַזוֹי ווִי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט.



אידישע קינדער שטארקן זיך מיט אמונה אין געטא



אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִין גֶעטָא, הָאט ר׳ שִׂמְחָה גֶעטוּן פַארְן חִנּוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעפָארְן בַּאנֶען מִיט אִידְן וָואס זֶענֶען לַיידֶער מֶער נִישְׁט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער אִין אַ גֶעגְנְט אִין גֶעטָא וָואס הָאט זִיךְ גֶערוּפְן "מַארִישִׁין" מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דִי פָּאר עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין גֶעטָא צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם מִיט דִי קִינְדֶער, ר׳ שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער. אוֹיךְ דֶער חָסִיד ר׳ אַבְרָהָם יִצְחָק וַוייסְזָאנְד הי״ד אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין דִי בֵּית יְתוֹמִים, הוּנְגֶערִיג אוּן צוּבְּרָאכְן בְּגוּף וְנֶפֶשׁ, הָאבְּן זֵיי מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ טוּן זֵייעֶר תַּפְקִיד אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען תּוֹרָה וֶאֱמוּנָה אִין יוּנְגֶע קִינְדֶער.

ר׳ שִׂמְחָה אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ וַוארֶעמֶע אַדְרֶעס פַאר דִי אִידְן אִין גֶעטָא, עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶר שְׁוֶוערְן וֵוייטָאג, וֶוען פִיל מָאל הָאט עֶר גֶעדַארְפְט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף נִישְׁט קֵיין פְּשׁוּטֶע שְׁאֵלוֹת, וָואס אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע צַייטְן וָואלְט דָאס קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיפְן גֶעדַאנְק. אִין יֶענֶע הוּנְגֶערִיגֶע טֶעג, הָאט מֶען גֶעטֵיילְט אִין גֶעטָא אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ וָוארְשְׁטְל וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן פֶערְדְן פְלֵייש, דִי אִידְן שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה הָאבְּן דָאס אִין אָנְהֵייבּ נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט אוּן דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן נָאר פוּן דֶער גֶעדַאנְק דָאס אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין מוֹיל, מִיט דִי צַייט וֶוען אַסַאךְ אִידְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער אִין גֶעטָא, קֵיין אַנְדֶערֶע כָּשֵׁר׳ע פְלֵייש אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אִין גַאנְצְן גֶעטָא, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן פְרֶעגְן שְׁטִיל צוּ זֵיי קֶענֶען דָאס עֶסְן אִין אַזַא פַאל וֶוען עֶס אִיז מַמָּשׁ פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ, צוּ רַאטֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבְּן, ר׳ שִׂמְחָה הָאט זֵיי מַתִּיר גֶעוֶוען, "וָחַי בָּהֶם" הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אַזוֹי וִוי נָאךְ רַבָּנִים הָאבְּן גֶעפַּסְק׳נְט אִין גֶעטָא, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, וֶוען ר׳ שִׂמְחָה אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁוֶוערְן מַצָּב, אוּן אִיז גֶעלֶעגְן זֵייעֶר קְרַאנְק פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶסְט עֶר נִישְׁט דִי פֶערְדְן פְלֵייש וָואס דִי רְשָׁעִים טֵיילְן, ווייל דָאס אִיז פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיף יֶעדְן פַאל גֵייט מֶען צוּם סוֹף צוּרִיק גֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט אָנְפִּיטֶערְן מַיין מוֹיל מִיט טְרֵיפֶ׳ענֶע פְלֵייש."

זוּמֶער תש״ד אִיז ר׳ שִׂמְחָה גֶעלֶעגְן זֵייעֶר קְרַאנְק, מֶען הָאט אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען צוּ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְּלַאץ וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעאֵייגְנְט פַאר קְרַאנְקֶע אִידְן, זַיין שְׁוֶועסְטֶער אֶסְתֵּר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַרִיבֶּערְקוּמֶען צוּ אִים בְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל עֶסְן, וָואס זִי הָאט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ צַאמְשְׁטֶעלְן. ר׳ שִׂמְחָה הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ שֵׁיידְן פוּן דֶער פַאלְשֶׁער וֶועלְט אוּן אָפְּגֶעבְּן צוּרִיק זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַ קוּרְצֶע צַייט פַאר זַיין פְּטִירָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע בְּרִיוו צוּ זַיין בְּרוּדֶער, וָואס גִיבְּט אוּנְז אַבִּיסְל אַ בְּלִיק אוֹיף זַיין גְרוֹיסְקֵייט:

... הַיינְט אִיז ל״ג בָּעֹמֶר, אִיךְ הָאבּ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, כְּ׳הָאבּ גֶעזֶעהְן דֶעם תַּנָּא הָאֱלֹקִי זִיצְן אוּן אַרוּם אִים זִיצְן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, צְוִוישְׁן זֵיי רַבֵּינוּ "נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה", אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "רֶבִּי! מֶען הָאט אִין אוּנְז פַארְגֶעסְן, דִי אִידְן זֶענֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה!" הָאבּ אִיךְ מַרְגִּישׁ גֶעוֶוען וִוי דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאוֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק - אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע הַאלְט אִיר זַייגֶעדִיג קִינְד" אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, אוּן אַלֶע הָאבְּן זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף גֶעוֶוען אִין דֶעם טֶענְצְל, וְהִנֵּה חֲלוֹם - אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזֶעהְן אַז ס׳אִיז אַ חָלוֹם.

אִיךְ הָאבּ דַאן אוֹיפְגֶעמִישְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן׳ס סֵפֶר, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז "רְקוּדִים זֶענֶען מַמְתִּיק דִּינִים!", ה׳ יִתְבָּרֵךְ זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז מִתּוֹךְ שִׂמְחָה....

*אַשְׁרֵי מִי שֶׁרָאָה פָּנָיו בַּחֲלוֹם.... וואוֹיל אִיז דֶער וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין חָלוֹם.*

י״ח תַּמּוּז תש״ד עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים פַארְן אוֹיסְמֶעקְן רח״ל דעם גַאנְצְן גֶעטָא, אִיז ר׳ שִׂמְחָה נִפְטַר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן אַלְט גֶעוֶוען אֵיין אִין פֶערְצִיג יָאר.

ר׳ שִׂמְחָה הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ קֶבֶר יִשְׂרָאֵל, וָואס נָאר אֵיינְצִיגֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין יֶענֶע צַייטְן, יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִיז אַ קְרוֹבָה פוּן ר׳ שִׂמְחָה וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי קְרִיג, גֶעפָארְן אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין פּוֹילְן, בַּיי דִי קְרִיג אִיז זִי הַאלְט גֶעוֶוען עֶלֶעוו יָאר, זִי הָאט נָאךְ גוּט גֶעדֶענְקְט דִי גַאסְן פוּן גֶעטָא אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם דָארְטִיגְן בֵּית הַחַיִּים, אוּן גֶעפוּנֶען דֶעם קֶבֶר אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מַצֵּבָה אוֹיף זַיין קֶבֶר, ר׳ שִׂמְחָה בֶּן ר׳ אָשֵׁר הֶענִיךְ בָּארְנְשְׁטֵיין הי״ד.

# לאמיר זיך פאר הערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די דריטע מעשה
## מעשה פון חיגר (2)




**א. וויאזוי איז דער וואס האט נישט געקענט גיין אויסגעהיילט געווארן?**
- ❑ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז א רפואה פאר די פיס
- ❑ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז פאר צדיקים
- ❑ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז פאר משוגעים

**ב. צו וועלכע וואלד איז ער נאכדעם געגאנגען?**
- ❑ צו די וואלד וואס איז געווען נעבן אים
- ❑ צו די וואלד וואו מ'האט אים באראבעוועט
- ❑ צו די וואלד וואו די זון און לבנה קומען זיך צוזאם

**ג. אויף וועלכע בוים איז ער ארויף?**
- ❑ א נידריגע בוים
- ❑ א געווענליכע בוים
- ❑ א הויכע בוים

**ד. וועלכע שטויב האט ער אויסגעשפרייט אויף דעם וועג?**
- ❑ די שטויב פון צדיקים
- ❑ די שטויב פון משוגעים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט פאסירט צו די גזלנים וואס זענען געגאנגען אויף די שטויב ?**
- ❑ זיי זענען געווארן צדיקים און האבן חרטה געהאט אויף דעם וואס זיי האבן גערויבט און געהרג'ט
- ❑ זיי האבן זיך געשריגן איינער אויפ'ן אנדערן צוליב דיר האבן מיר גע'הרג'עט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וויפיל גזלנים זענען איבערגעבליבן?**
- ❑ אלע
- ❑ נאר צען
- ❑ דער עלצטער (גרעסטער) גזלן מיט נאך איינער

**ז. וועלכע שטויב האט ער נאכדעם אויסגעשפרייט?**
- ❑ די שטויב פון צדיקים
- ❑ די שטויב פון משוגעים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס איז געווארן מיט דעם גרויסן גזלן ווען ער איז געגאנגען אויף די שטויב?**
- ❑ ער איז געווארן א צדיק און חרטה געהאט אוף דעם וואס ער האט גערויבט און גע'הרג'עט
- ❑ ער האט געריסן קברים און תשובה געטון
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער גזלן געזאגט צו דער וואס האט פריערט נישט געקענט גיין?**
- ❑ ער האט אויף אים געשריגן אז צוליב אים האט ער גע'הרג'עט
- ❑ ער האט גארנישט גערעדט צו אים
- ❑ ווי אז איך האב אזוי געטון, גיב מיר ארויס א תשובה

**י. וואס האט מען גע'פסק'נט אין שטאט אויף דעם גזלן?**
- ❑ אז מ'זאל אים גארנישט טון, ווייל ער האט תשובה געטון
- ❑ אז מ'זאל אים איינשפארן אין תפיסה , למען ידעו
- ❑ אז מ'זאל אים הענגען, למען ידעו

**יא. וואו אהין איז דער וואס האט נישט געקענט גיין נאכדעם געגאנגען?**
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואס די זון און די לבנה טרעפן זיך
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואו מ'האט אים בא'גזל'ט
- ❑ ער איז געגאנגען צו די צוויי טויזענט בערג

**יב. וואס האט ער דארטן געזען?**
- ❑ די שדים וואו זיי מאכן ליצנות
- ❑ די שדים וואו זיי פארציילן פאר וועמען זיי האבן מזיק געווען
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. פארוואס האבן די טאטע מאמע פון די שדים געוויינט?**
- ❑ ווייל די שדים האבן זיי מזיק געווען
- ❑ ווייל שוין א לאנגע צייט וואס זייער זון איז נישט געקומען
- ❑ ווייל זיי האבן פארלוירן גאר א טייערע זאך

**יד. ווער האט געכאפט די זון פון די שדים , דער וואס איז פארלוירן געווארן?**
- ❑ זיין חבר וואס איז געגאנגען מיט אים יעדן טאג
- ❑ דער מלך וואס האט געבויט די פאלאץ
- ❑ דער כישוף מאכער וואס האט געוואוסט זיין משפחה

**טו. פארוואס האט ער אים געכאפט און געפייניגט?**
- ❑ ווייל ער האט מזיק געווען פאר דער מכשף
- ❑ ווייל ער האבן אוועק גענומען די כח פון דעם מלך וואס האט געבויט פאלאצן אויפ'ן ים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ'זאל טון?**
- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ'זאל צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ'זאל נישט צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן

**יז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ'זאל טון ווען מ'האט אים געענטפערט אז ער איז געווארן א וואלקן?**
- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ'זאל צוריק נעמען די כח פון דעם וואלקן און עס צוריק געבן פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ'זאל רופן דעם וואלקן און מ'זאל אים אהער ברענגען

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה**

צו ענטפערן
די בחינות און
אריינגיין אינעם גורל,
**02-5-3333-72**
**646-518-1095**
צו הערן די געווינער
דרוק נומער 4

המשך
פון זייט 1

## דער ריינער קוואל

אוּמְקֶערְן צוּ דִיר (איכה ה, כא)."

עֶס אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע פָּסוּק אִין נָבִיא "שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם (מלאכי ג, ז) דֶער נָבִיא זָאגְט אִין נָאמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער, קֶערְט אַייךְ צוּרִיק צוּ מִיר, וֶועל אִיךְ זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אַייךְ יִשְׂרָאֵל" זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וִכּוּחַ צְוִוישְׁן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט: "שׁוּבוּ אֵלַי", מַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל טוּט תְּשׁוּבָה אוּן פַארְבֶּעסֶערְט עֶנְקֶערֶע וֶועגְן, וֶועל אִיךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דֶערְנָאךְ זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אַייךְ. וִוידֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל טַעֲנֶה'ט: "בַּאשֶׁעפֶער, הֲשִׁיבֵנוּ ה', קוֹדֶם קֶער זִיךְ דִי בַּאשֶׁעפֶער צוּ אוּנְז אוּן דַאן וֶועט זַיין וְנָשׁוּבָה - מִיר וֶועלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר".

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַז בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וִכּוּחַ צְוִוישְׁן אוּנְז מִיט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דָאס פַארְוָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁרֵייט "שׁוּבוּ אֵלַי" אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קוֹדֶם קֶערְן צוּ אִים מֵיינְט עֶר צוּ זָאגְן אַז "מִיר זָאלְן שְׁרֵייעֶן "הֲשִׁיבֵנוּ" - מִיר קֶענֶען נִישְׁט אַלֵיין זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר בַּאשֶׁעפֶער", אוּן מִיט דֶעם גֶעשְׁרֵיי אַלֵיין - וָואס קוּמְט פוּן פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן מִיט צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער פוּן דֶעם וֶועלְטְל - וֶועט וֶוערְן גֶערֶעכְנְט אוֹיבְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מִיר וָואלְטְן בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּ אִים.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען גְלֵייבְּן אַז דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע עֲבוֹדוֹת, בְּרֶענְגֶען מִיר צוּרִיק דִי שְׁכִינָה צוּ אִיר אַמָאלִיגֶע וואוֹינְאָרְט, צוּ אִיר אַמָאלִיגֶע פְּרַאכְט. עֶס זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס מְלוּכָה אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.